# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:25
מוצאי שב"ק....................7:54

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................מלאכי ב'-ג'
בבלי..............בבא בתרא צ"ה
ירושלמי.....................יומא י"ז
תוספתא....................נגעים ו'
רמב"ם...עבודת יום הכיפורים ג'

פרשת נצבים וילך, כ"ה אלול, שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 50 (668)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רי"א) אַז מְ'קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, נָאר דוּרְכְ'ן זַיין מְקוּשָּׁר צוּ צַדִּיקִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט דֶעם אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים, אוּן דֶערִיבֶּער פָּארְט מֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִּיקִים, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דָאךְ אָפּ אַלֶע דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר, אוּן אַז מְ'אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר. וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, קוּמֶען זִיךְ דַאן צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", יֶעדֶער קוּמְט מִיט זַיין "רֹאשׁ", מִיט זַיין קָאפּ, צוּם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז דֶער "רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אוּם "רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

וָואס מֵיינְט אַ רֵיינֶע מֹחַ? וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוערְט נָאר גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד הָאט אַזַא קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע דִינִים, עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְלֵייט אִים אוּן הֶעלְפְּט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען עֶר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן וָואס עֶר זָאל נָאר הָאבְּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע שְׁוֶוערֶע דִינִים, דֶער מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן, עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס אֱמוּנָה, עֶר בַּאקְט אִין אִים אַרַיין אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, דַאן וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן מַמָּשׁ צוּ שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן אַלֶע דִינִים אוּן גְבוּרוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ גְרוֹיסֶע רַחֲמִים וַחֲסָדִים. אוּן דִי בֶּעסְטֶע צַייט וָואס אִיז מְסוּגָּל פַאר דֶעם אִיז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט שְׁרֵייעֶט מֶען "הַמֶּלֶךְ", מֶען אִיז מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ גוּט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מֶלֶךְ, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, וֶועט עֶר שׁוֹין דִי גַאנְצֶע יָאר אוֹיךְ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת"ו) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען עֶר קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר, קֶען עֶר אָבֶּער יָא הֶעלְפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער עִיקָּר מִיט וָואס דֶער רֶבִּי הֶעלְפְּט אוּנְז, אִיז מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי מְ'וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ טַאטֶע אָדֶער אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען מִיר אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן אַלֶע דִינִים וֶוערְן נִמְתָּק.

דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בֹּא ל"ב:) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְט שְׁטֵייט יֶעדֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶעמָאלְט צוּ רָאשֵׁיכֶם, אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָאפּ צוּם צַדִּיק אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' לְמַעַן הָקִים אֹתְךָ הַיּוֹם לוֹ לְעָם וְגוֹ', מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, תִּיקוּן הַמַּחְשָׁבָה, מְ'הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זִיסֶע יָאר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ מַאמֶע אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וָואס דַארְף מֶען דַאוֶונֶען? וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג? רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ זַיין פָּאזִיטִיוו; מֶען עֶסְט דִי סִימָנִים אַלֶעס נָאר צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קוּמְט אַ גוּט יָאר, עֶס גֵייט זַיין גוּט, זִיס וִוי הָאנִיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא) פִיר זַאכְן זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: עֶרְשְׁטְנְס, "שֶׁיַּחֲשֹׁב רַק מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת", מֶען זָאל טְרַאכְטְן נָאר גוּט, "שֶׁיֵּיטִיב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זִיכֶער הֶעלְפְן. צְוֵוייטְנְס, "צְרִיכִין לִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים. דְרִיטְנְס, "גַּם צְרִיכִין לִבְכּוֹת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוֹיךְ דַארְף מֶען וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער. פֶערְטְנְס, "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן", דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד", זָאל מֶען וָואס וֵוינִיגֶער רֶעדְן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַזוֹי, מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ תַּשְׁלִיךְ.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי נֶעמְט נִישְׁט אָן קֵיין בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת, אוּן אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן, מֶען הָאט אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט - הֶעלְפְּט גָארְנִישְׁט; עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט קֵיין תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוֹיף דֶעם בִּיז מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער, ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מַרְבֶּה שָׁלוֹם.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן - וֶועלְן מִיר זֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶעס וָואס מִיר וַוארְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶעם סִיפּוּר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בֵּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשפ"ד)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִּי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר תשפ"ד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ
עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִּי שַׁבָּת אִיז דִּי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן תשפ"ד, דִּי שַׁבָּת קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; אַז מֶען וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מֶען וֶועט טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען שַׁבָּת! שַׁבָּת! שַׁבָּת! - וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

נָאר מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר אַז מֶען בֶּעט: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן כַּעַס, הִיט מִיךְ פוּן מַחְלוֹקֶת, הִיט מִיךְ פוּן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן", נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

קִינְדֶער - וֶוען זֵיי טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן ווִילְדֶעוֶוען - קֶען מֶען וֶוערְן זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, אָבֶער מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זֵייעֶר הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם. פְּרוּבִיר אוֹיס צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִּי פְּרַט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט מִיךְ פוּן כַּעַס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דִּי לֶעבֶּעדִיגְקֵייט פוּן מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער", דֶעמָאלְט הָאט מֶען הַנָאָה פוּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בֵּיי חֲצוֹת, מֶען קוּמְט מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת אוּן אוּנְזֶערֶע בַּקָשׁוֹת, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. פְלֶעכְט אַרַיין אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת וּבַקָּשׁוֹת אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ, בֵּיי דִי סְלִיחוֹת. גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ בֶּעטְן נָאכְאַמָאל מְחִילָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער טַאטֶע, עֶר אִיז דַיין טַאטֶע, מַיין טַאטֶע, יֶעדְנְ'ס טַאטֶע; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר.

בֵּיי אַלֶע תְּפִילוֹת; אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר גוּט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווָאוִיל, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת אִיז דָאס נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת", דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע וֶועלְטְן, עֶס וֶועט פַארְשְׁטָאפְּן אַלֶע מְקַטְרְגִים.

**אַ גוּט שַׁבָּת, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשפ"ד)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

יב. מֻתָּר לְהִתְפַּלֵּל עַל בַּעַל לָשׁוֹן הָרָע שֶׁיָּמוּת וְשֶׁיִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָתוֹ וְשֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא וְשֶׁלֹּא יִהְיוּ לוֹ בָּנִים חֲכָמִים. מֶען מֶעג מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַ בַּעַל לָשׁוֹן הָרָע אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, עֶר זָאל פַארְגֶעסְן זַיין תּוֹרָה, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

יג. כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ-הוּא עוֹשֶׂה לוֹ חֲפָצָיו. וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, גֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מַאמֶעס פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער - דַארְפְן נִישְׁט דַאוֶונֶען. אַז מֶען הָאט צַייט, דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, אָדֶער אַז עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן - קֶען מֶען דֶעמָאלְט דַאוֶונֶען, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז מֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶונֶען.

אִיר בֶּעט אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין רוּאִיג אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג, דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אַלֶעס שְׁרַייבְּסְטוּ הַיינְט אָפּ. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁרַייבּ מִיר אָפּ אַ גוּטֶע יָאר, אַ זִיסֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר - פַאר מִיר, פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן אַ גוּטֶע מַאמֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אוּנְז שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; הֶעלְף מִיר, מַיין מַאן אוּן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אַ יָאר פוּן שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן פוּן לִיבְשַׁאפְט, אַ לֶעבְּן פוּן מְוַתֵּר זַיין אֵיינֶער פַארְ'ן צְווֵייטְן, אַ לֶעבְּן מִיט צַדִיקִים; גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, פָאלְגְן אַ צַדִיק.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוּנְז אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ב)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

חֲזַ"ל זָאגְן (תָּמִיד כ"ח.) "אֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם, יַחֲזִיק בֶּאֱמוּנָה יְתֵירָה, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים ק"א, ו') עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ תָּמִים הוּא יְשָׁרְתֵנִי", דֶער פְּשַׁט אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז וֶוען אֲפִילוּ וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע עֶרְד זָאל עֶר אוֹיךְ נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק "עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ", אִיךְ זֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער עֶרְד; "לָשֶׁבֶת עִמָּדִי", וֶוען אִיךְ זִיץ, זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט מִיר; וֶוען אִיךְ גֵיי, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מִיט מִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ מַאךְ אִיז נָאר צוּ בַּאדִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער פָּסוּק פִירְט אוֹיס, "הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ תָּמִים הוּא יְשָׁרְתֵנִי".

דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז "יַחֲזִיק בֶּאֱמוּנָה יְתֵירָה", מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מֶען זָאל נָאר טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, בִּיז וֶוען מֶען וֶועט נָאר זֶען אוּן הֶערְן, שְׁפִּירְן אוּן רֶעדְן, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, מֶען זָאל אַלֶעמָאל גֵיין אוּן שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ אַזַא קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז עֶר זָאל גָארְנִישְׁט הָאבְּן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אַלֶעמָאל.

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי גְמָרָא (תָּמִיד כ"ח.) "אֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם, יֶאֱהַב אֶת הַתּוֹכֵחוֹת, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁתּוֹכֵחוֹת בָּעוֹלָם, נַחַת רוּחַ בָּאָה לָעוֹלָם, טוֹבָה וּבְרָכָה בָּאָה לָעוֹלָם, וְרָעָה מִסְתַּלֶּקֶת מִן הָעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי כ"ד, כ"ה) וְלַמּוֹכִיחִים יִנְעָם וַעֲלֵיהֶם תָּבוֹא בִרְכַּת טוֹב", אוּן יֶענֶעם טָאג הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיךְ פַארְשֶׁעמְט אוּן מוּסָר גֶעזָאגְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטִיקֶל גְמָרָא הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל, "זֶעסְטוּ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זֶענֶען אוּנְז דָא מְגַלֶה דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אָנְנֶעמֶען מוּסָר?", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "גְלֵייבּ מִיר, וֶוען אִיךְ זָאג אֵיינֶעם מוּסָר, הָאבּ אִיךְ אַ טִיפֶע כַּוָּנָה אִין דֶעם, אוּן עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר יֶענֶעם דִי מוּסָר אוּן דִי בִּזָּיוֹן".

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ט"ו-ט"ז)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קעו)

### תרה

אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק"ב, י') "וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי", אַז אֵיידֶער מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה דַארְף מֶען קוֹדֶם וֵויינֶען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וֵויינְט עֶר פַארְדֶעם.

### תרו

נָאךְ שַׁבָּת הָאט פַּאסִירְט אַז רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס אוּן עֶס אִיז זֵיי אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען זֵייעֶר אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע עֲרֵלִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעדְרֵייט דֶעם פָּנִים נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר חַס וְשָׁלוֹם, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ פוּן "אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמ"ב) אַז וואוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן וֶועט עֶר בַּאגֶעגֶענֶען אַ קְלִיפָּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן וָואס דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז.

דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אַבִּיסְל גֶעזֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וְוִי אַזוֹי קֵיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִים.

### תרז

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט בֵּיי אַ סְעוּדָה וָואס מֶען הָאט צוּגֶעגְרֵייט אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶע צִיבּוּר, אוּן אַזוֹי וְוִי רוֹב שְׁטָאטְסְלַייט פוּן טִירְהָאוִויצֶע זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים, הָאט עֶר גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סֵיי פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גְרוֹיסְקֵייט אוּן סֵיי אַלְס דִי זְכוּת פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס.

דֶערְנָאךְ הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט אַז רוּבָּם כְּכוּלָּם פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוַואלְדִיגֶע לוֹמְדִים, יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בַּעֲלֵי מַדְרֵיגָה. עֶר הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק.

וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אוֹיפְ'ן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק פוּן טְשֶׁערִין זַ"ל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט, "גְלֵייבּ מִיר, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן מִיר פָּאלְגְן, וָואלְט אִיךְ גֶעשְׁרִיגְן אַזוֹי הוֹיךְ, פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיז דִי אַנְדֶערֶע, אַז וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִּיק, אַן אֱמֶת'עֶר עוֹבֵד ה', זָאל לוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן וֶוערְן מְקוֹרָב צוּ אִים. אִיךְ וֵוייס דָאךְ אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז נִישְׁט נָאר וָואס מֶען וֶועט מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, נָאר עֶס וֶועט זִיךְ נָאךְ אָנְהוֹיבְּן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיךְ אוֹיף מִיר, אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה דוּרְךְ מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיךְ פַארְלִירְן, דֶערִיבֶּער מוּז אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטִיל אוּן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם".

### תרח

זוּנְטָאג, ה' אָב, דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן זַיין הוֹיז אוֹיפְ'ן וֶועג, מִיטְ'ן פְּלַאן צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת נַחֲמוּ צוּ ווִילְן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אָדֶער אִין טְשֶׁערִין.

וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט לַאדִיזִין, אִיז זֵיי דוּרְכְגֶעפָארְן אַ שַׁיָּרָה מִיט אַסַאךְ סָאלְדַאטְן פוּן דִי קָאזַאקְן מִילִיטֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן רוּסְלַאנְד, אוּן וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט זֵיי בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן פוּן בִּיאַת הַגּוֹאֵל בִּיז צוּ תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

דִי מִיטְרֵייזְנְדֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְשְׁטוֹיְנְט אוּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֶערְן. אוֹיפְ'ן וָואגְן אִיז גֶעזֶעסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן נֶעבְּן אִים אִיז גֶעזֶעסְן זַיין אֵיידֶעם ר' יוֹסְקֶע, אוּן קֶעגְן אִיבֶּער זֵיי אִיז גֶעזֶעסְן רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי, אוּן אוֹיף דִי צְוֵויי זַייטְן פוּנֶעם וָואגְן זֶענֶען גֶעזֶעסְן צְוֵויי אִידְן פוּן טֶעפְּלִיק, אֵיינֶער אוֹיף אֵיין זַייט אוּן אֵיינֶער אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע זַייט. אַלֶע הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר וְוִי אַזוֹי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן.

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט ר' יוֹסְקֶע עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן וָואס עֶר רֶעדְט, אוֹיךְ ר' נַפְתָּלִי הָאט גֶעפְרֶעגְט עֶפֶּעס פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן פוּן טֶעפְּלִיק, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אַן אַנוּנְג. דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וִויל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן דֶעם.

דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, מַמָּשׁ פִּלְאֵי פְּלָאִים, וְוִי אַזוֹי אַלֶע זֶענֶען

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## פָּארְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוֹיבּ מְ'קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

זָאל אִיךְ פָּארְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיפְ'ן וֶועג קֶען אִיךְ נִכְשָׁל וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם? אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן - הָאט נִישְׁט מִיט פָארְן צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִּיק, דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען הָאט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט - דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן אַז מֶען קֶען גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת - אִיז זִיכֶער מֶען זָאל גֵיין אוּן פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן קֵיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בֵּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן פָארְן קֵיין אוּמַאן, זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס דֶער רֶבִּי קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער "רֹאשׁ הַשָּׁנָה" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין, אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען צוּ מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת עֵינַיִם, טַהֲרַת הַמַּחֲשָׁבָה - דַארְף מֶען זִיכֶער פָארְן קֵיין אוּמַאן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ד)

BreslevCenter.com\answers

גֶעזֶעסְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדֶער הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן דֶערְצֵיילְט, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט, נָאר רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס מִיט רָאשֵׁי תֵּיבוֹת, אוּן דָאס אִיז בַּאקַאנְט בֵּיי אוּנְז מִיטְ'ן נָאמֶען "מְגִילַּת סְתָרִים".

אִיךְ הָאבּ בֵּיי מִיר אַ קַאפִּי פוּן אַ כְּתַב יַד פוּן ר' אַלְטֶר טֶעפְּלִיקֶער זַ"ל, דָאס אִיז צְוֵויי חֲלָקִים פוּנֶעם "מְגִילַּת סְתָרִים", דֶער עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט יֶעצְט דֶערְצֵיילְט אוּם זוּנְטָאג ה' אָב תקס"ו, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער חֵלֶק אִיז פוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוּם פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ח' אָב תקס"ט (זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תתל"ג). בַּיים סוֹף פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק שְׁטֵייט אַזוֹי, "אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט וִויסְן אַז עֶר אִיז עֶס, דֶערְנָאךְ וֶועט יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז מָשִׁיחַ, בִּיז יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין וִויסְן", אוּן עֶר עֶנְדִיגְט צוּ דָארְט, "אַסַאךְ זַאכְן פוּנֶעם שְׁמוּעֶס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן אוּן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, דֶער שְׁמוּעֶס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר בְּעֵרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם נָאר אָפְּשְׁרַייבְּן מִיט רְמָזִים, אוּן דָאס רוֹב אִיז גְלַייךְ פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן וַוייל מֶען הָאט עֶס נִישְׁט דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן".

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אַז עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ סוֹד, דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן עֶס דְרוּקְן, כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז סַיי וִוי גֶעשְׁרִיבְּן נָאר מִיט רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּן מֶען עֶס בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן בֵּיי מִיר אִין כְּתַב יַד.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט בֵּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן בַּעַל פֶּה דֶעם "מְגִילַּת סְתָרִים", דָאס הֵייסְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן וָואס דָארְט שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן, פַאר זַיין תַּלְמִיד מוּבְהָק רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע. אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט עֶס נִישְׁט אִיבֶּער פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק אוּן פַאר ר' נַפְתָּלִי'ס זוּן ר' אֶפְרַיִם, הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיף זֵיי בִּין אִיךְ בְּרוֹגֶז, זֵיי זֶענֶען מַארְק מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען מַארְק מֶענְטְשְׁן, וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן זֵיי גֶעהָאלְפְן".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פארבעסערונגען ביים בנין אין אומאן

געלויבט דעם אויבערשטן אז מיר גרייטן זיך אלע צו פארן צום הייליגן רבין אויף ראש השנה, מיר ווייסן און געדענקען אז דער עיקר איז תפלה, און בפרט ווען עס קומט צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה וואס דער ס"ם פרובירט מיט אלע מיטלען צו צעשטערן, הייבט זיך עס אן און ענדיגט זיך נאר מיט תפלה. זיכער דארף מען האבן א טיקעט, א פאספארט, א בעט מיט עסן, אבער דאס טוט בכלל נישט פארזיכערן אז מען וועט אנקומען, אלעס ווענדט זיך נאר אין תפלה.

איינע פון די שוועריגקייטן וואס אומאן פלעגט ברענגען מיט זיך איז די הו הא פון פושקענע, די קולות כמעט פיר און צוואנציג שעה מעת לעת פון די טויזנטער עוברים ושבים, און בפרט אז מען ברענגט מיט קינדער, איז געווען שווער צו צושטעלן די ריכטיגע שמירה וואס פעלט אויס. וואס דערמיט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט באשלאסן צו בויען א גרויסן בנין ווייט ארויס פונעם געגנט האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה, מען איז נישט אויסגעשטעלט צו די גערודער פונעם צענטער, און אזוי אויך די קינדער זענען אויפ'ן בעסטן פלאץ. די קינדער זענען אדער אונטער די אויפזיכט פון די עלטערן, אדער פון די געטרייע מלמדים וואס נעמען נישט קיין אפרו נאכ'ן שווערן רייזע קיין אומאן, נאר נעמען צוזאמען די קינדער, און זיי לערנען דאווענען עסן אינאיינעם, מען גייט צום הייליגן רבינ'ס ציון מיט די מלמדים.

די צוגרייטונגען ביים בנין גייט יעצט אן מיט'ן פילן שוואונג, די וואך האט מען אינסטאלירט פרישע וואסער טענק עס זאל זיין גענוג און נאך וואסער פאר אלע טעג וואס מען געפונט זיך אין אומאן. אויך האט מען געבויעט פרישע בענק פאר די מקוה, פרישע שאפעס אין די שלאף שטיבער, און נאך פילע תיקונים, און פארבעסערונג אין און ארום דעם בנין, ווי פארגרעסערן די מקוה, און צובויען דעם גרויסן שאטער הרחבת הדעת. און נאך.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז דער יום טוב זאל אריבערגיין אויף אנשי שלומינו געשמאק און שיין, מען זאל פארן און קומען געזונטערהייט, אויספועלן פאר זיך פאר די משפחה פאר גאנץ כלל ישראל א זיס און לעכטיג יאר ברוחניות ובגשמיות, א שנת גאולה וישועה.

***

# מיטנעמען א פעקל ספרים קיין אומאן

ווי עס איז שוין איינגעפירט פאר לאנגע יארן, פירן זיך אנשי שלומינו מיטצונעמען ספרים און קונטרסים, פאר די מפיצים אין אומאן, עס צו פארשפרייטן פאר אידישע קינדער, מקרב צו זיין אידן צום אייבערשטן.

אין א בריוו די וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "נעם מיט שמירה פאר'ן וועג, נעם מיט ספרים פאר די מפיצים. רוף אריין צו קרן הדפסה בעטן א פעקל ספרים מיט צו נעמען קיין אומאן, די ספרים וואס מען נעמט מיט פאר הפצה - איז א שמירה פאר די רענצלעך אז עס זאל אנקומען".

# ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב

**בליצרקובסקיה 28 - אומאן**

## זמנים לראש השנה תשפ"ה

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית.......................1:00

פדיון נפש נאך סליחות

שחרית ערב ראש השנה.....7:00 און ווייטער

פדיון נפש נאך שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות.........................6:15

מנחה..........בזמן הדלקת הנרות

שחריתביידע טעג.........................8:00

תקיעת שופר דרשה......................11:30

מוסף ביידע טעג.........................12:00

תשליך (ערשטע טאג)........................5:00

מנחה ערשטע טאג.........................5:45

דרשה ביידע טעג.........................6:15

### שבת שובה פרשת האזינו

זמן הדלקת הנרות.........................6:15

מנחה וקבלת שבת.........................7:30

באטע פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה

שחרית.........................................9:30

קידושא רבה מיט סיפורי מעשיות נאכ'ן דאווענען

מנחה ושלש סעודות.........................6:30

זמן מוצאי שב"ק.........................7:41

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן שלעזינגער** הי"ו ירושלים

עורך הגליון הנפלא "שיעורי חינוך"

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נחום ברילל** הי"ו קרית ברסלב

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **קלמן אליעזר עגמי** הי"ו קרית יואל

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

הבחור **אברהם אלימלך** הי"ו

***

מו"ה **יקותיאל פעלדמאן** הי"ו קרית ברסלב

**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן למז"ט**


# ימים נוראים

שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח,
מעשיות, און נאך, א גוטע הכנה צו די
הייליגע טעג וואס שטייען ביים שוועל

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >